**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון 47 מיליאן דאלארדיגער הייוועי פארבעסערונג פראיעקט אויף סטעיט רוט 17 אין טייאָוגע קאונטי

***פעך איבערמאכונג פראיעקט און בריק איבערבויאונג וועלן פארשטערקערן זיכערהייט און פארגרינגערן באוועגונג לענגאויס וויכטיגע סאוטערן טיער רייזע שטראז***

***אינוועסטירונג ערגענצט "Southern Tier Soaring" — די ראיאן'ס ארומנעמיגע סטראטעגיע צו אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז גרויסארטיגע קאנסטרוקציע איז אונטערוועגנס אויף א 47 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו באנייען א וויכטיגע שטרעקע פון סטעיט רוט 17 אין די טאון אָוואָוויגאָו, טייאָוגע קאונטי, צו פארשטערקערן זיכערהייט און פארגרינגערן רייזעס לענגאויס א וויכטיגע וועג פאר רייזנדע וואס פארן פון און צו די סאוטערן טיער. דער צוויי-יאריגער פראיעקט וועט איבערגיסן די אויספלאסטערונג אויף אומגעפער 22 מייל פון פעך און איבערבויען צוויי בריקן צו פארבעסערן די באוועגונג און שטאנדהאפטיגקייט לענגאויס די הייוועי וואס איז געשעדיגט געווארן פון יארן פון שווערע ווינטערדיגע וועטער און פארנומענע טראפיק. דער פראיעקט איז טייל פון גאווערנער האקול'ס פרעצעדענטלאזע פארפליכטונג צו מאדערניזירן ניו יארק סטעיט'ס אינפראסטרוקטור און צו אינוועסטירן אין פראיעקטן וואס שטופן פאר גערעכטיגקייט, פארבינדונג און טראנספארטאציע געלעגנהייטן פאר קאמיוניטיס אריבער די גאנצע סטעיט.

"ניו יארק טוט מאכן קריטישע אינוועסטירונגען צו זיכער מאכן אז אונזערע וויכטיגע רייזע וועגן האלטן מענטשן אויף די באוועגונג פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "סטעיט רוט 17 איז איינס פון די פארנומענסטע שאסייען אין די סאוטערן טיער, און דער הייוועי פארבעסערונג פראיעקט וועט פארשטערקערן איר דויערהאפטיגקייט און העלפן האלטן טראפיק פליסנדיג אפגעזעהן פון די שוועריגקייטן וואס ווערן געשטעלט דורך די נאטור."

דער פראיעקט וועט איבערמאכן די אויספלאסטערונג פון די שאסיי און פארשטערקערן די צוימערן אויף די זייטן אויף סטעיט רוט 17 פון עקזיט 65 אין אָוואָוויגאָו ביז די ברום קאונטי גרעניץ. די אויספלאסטערונג וועט געמאכט ווערן מיט א פעך געמיש וואס ווערט געגאסן ווארעם, א זאך וואס רעדוצירט די קאסטן און פארבעסערט די שטאנדהאפטיגקייט און דויערהאפטיגקייט אין פארגלייך צו טראדיציאנאלע פעך געמיש וואס ווערט געגאסן הייס. די צוויי בריקן וואס פירן אריבער סטעיט רוט 17 העכער אפאלאטשין קריק וועלן אויך איבערגעארבעט ווערן מיט נייע שאסיי דעקן, צוימען פון בעטאן און 'בעירינגס' (וואס פארבינדן די דעקן צו די זיילן) צו נאך מער פארשטערקערן זיכערהייט און שטאנדהאפטיגקייט.

ארבעט אויף דעם פראיעקט וועט זיך ציהען אריבער די קומענדיגע צוויי קאנסטרוקציע סעזאנען, און די הייוועי וועט בלייבן אפן בשעת די ארבעט איז אונטערוועגנס, אבער דרייווערס זאלן ערווארטן די פאלגנדע לעין באגרעניצונגען און טראפיק ענדערונגען:

- דורכאויס די 2024 קאנסטרוקציע סעזאן וועט די טראפיק איינגעצוימט ווערן צו איין לעין אין יעדע ריכטונג, אפגעזונדערט דורך א צוים פון בעטאן, און טראפיק אין די מערב ריכטונג וועט אריבערגעפירט ווערן ארויף צו די מזרח-ריכטונג זייט.
- אנגעהויבן אין פרילינג פון 2025 וועט די טראפיק איינגעצוימט ווערן צו איין לעין אין יעדע ריכטונג, אפגעזונדערט דורך א צוים פון בעטאן, און טראפיק אין די מזרח ריכטונג וועט אריבערגעפירט ווערן ארויף צו די מערב-ריכטונג זייט.

אומוועגן וועלן אויך זיין אוועקגעשטעלט פאר דרייווערס וואס נוצן די עקזיט 66 ראמפעס ארויף און אראפ פון די מערב ריכטונג דורכאויס די 2024 סעזאן און די מזרח-ריכטונג ראמפעס דורכאויס 2025. אומוועגן און די אריבערגעפירטע לעינס וועלן אוועקגענומען ווערן דורכאויס די ווינטער חודשים צו ערלויבן נארמאלע טראפיק ריכטונגען צווישן די קאנסטרוקציע סעזאנען. דער פראיעקט וועט שאפן מער פון 600 דזשאבס און אריינרעכענען אן אפמאך מיט די יוניאנס פאר דעם פראיעקט ( Project Labor Agreement) צו זיכער מאכן אז ארבייטער ווערן באהאנדלט און באצאלט מיט יושר.

**סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, האט ניו יארק סטעיט געלייגט פריאריטעט צו אינוועסטירן אין- און צוריק אויפבויען אינפראסטרוקטור אריבער ניו יארק סטעיט צו צוריק פארבינדן קאמיוניטיס, פארבעסערן די שטאנדהאפטיגקייט און העלפן וואקסן אונזער עקאנאמיע. די איבערבויאונג פון די שטרעקע פון סטעיט רוט 17 וועט פארבעסערן רייזעס לענגאויס די סטעיט'ס וויכטיגסטע שאסייען און פארזיכערן די אנגייענדע אפעראציע פון א קריטישע טויער צו די הערליכע סאוטערן טיער."

**סטעיט סענאטאר טאמאס עף. אָומארא האט געזאגט,** "עס בלייבט א פונדאמענטאלע פארפליכטונג פאר ניו יארק סטעיט צו אינוועסטירן אין פארשטערקערונג, פארבעסערונג און אויפהאלטונג פון שאסייען און בריקן דא אין די סאוטערן טיער און אריבער די סטעיט. דער פראיעקט צו איבערבויען און אויפרעכטן א קריטישע שטרעקע פון רוט 17 אריבער טייאָוגע קאונטי וועט אויפלעבן די ראיאנישע טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור פאר די לאנגע טערמין פאר די גרויסע בענעפיט און זיכערהייט פון ארטיגע דרייווערס און באזוכנדע רייזנדע צוגלייך."

**טייאָוגע קאונטי לעגיסלאטיווע פארזיצערין, מארטא סאַוערברעי, האט געזאגט,** "די מענטשן וואס פארן אויף די רוט 17 זענען גאר דערפריידט אז די שאסיי וועט ווידעראמאל ווערן א גלאטע רייזע אזוי ווי עס איז געווען יארן צוריק. עס איז געווען א שוועריגקייט צו פארן אויף די רוט, און מיר זענען גאר דערפריידט אז גרויסארטיגע קאנסטרוקציע איז אונטערוועגנס!"

**אָוויגאָו מעיאר מייקעל באראטע דער דריטער האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז א לאנג-נויטיגע פאררעכטונג פון א פארנומענע רוט, און יעדער וועט זיין דאנקבאר דערפאר. איך בין גאר דאנקבאר אז ניו יארק סטעיט אינוועסטירט אין אינפראסטרוקטור אין טייאָוגע קאונטי."

**שטופן 'Southern Tier Soaring' אויף פאראויס**

די היינטיגע אנאנסירונג באגלייט "Southern Tier Soaring" (דרום טייל - זיך אויפהייבנדיג), די ראיאן'ס ברייטע פלאן צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. די ראיאניש-

אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויף וויאזוי צו צוציהען טאלאנטירטע ארבייטער, מאכן ביזנעסער וואקסן און טרייבן פארשריט פון דעם קומענדיגן דור. מער אינפארמאציע איז צו באקומען דא.

דרייווערס ווערן ערמוטיגט צו פארן שטייטער און צו דרייווען פאראנטווארטליכערהייט אין ארבעט'ס זאנעס. קנסות זענען געטאפלט פארן פארן שנעל אין אן ארבעט'ס זאנע. געפונען ווערן שולדיג פאר צוויי אדער מער פארלעצונגען פון פארן שנעלער ווי ערלויבט אין אן ארבעט'ס זאנע קען פירן דערצו אז א מענטשן'ס דרייווער'ס לייסענס זאל סוספענדירט ווערן.

פאר די לעצטע אינפארמאציע רופט 511 אדער באזוכט 511NY.org.

פאַלאָוט די ניו יארק סטעיט DOT אויף Twitter: @NYSDOT און @NYSDOTBNG. טרעפט די NYSDOT אויף Facebook ביי facebook.com/NYSDOT.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן